TRANSPORT STYRELSEN

Översättning gjord november 2013

## טראַנספּאָרט אויטאָריטעט

די ראָלע פון דער טראַנספּאָרט אויטאָריטעט איז דערמעגלעכן אַ בעסערער צוגאַנג, אַ גוטע קוואַליטעט, כּדֵי צו פאַרזיכערן און צופּאסן דעם טראַנספּאָרט  צו דער אַרומיקער סביבֶה  און  אַזוי דערמעגלעכן באַן רייַזעס, פליען מיט אַוויאָנען, שיפן זיך אין יַם און פאָרן אין די שאָסייען . מיר גיבן אַרויס רעגלאַמענטן, אַרלויבענישן, און מיר קאָנטראָלירן זייער דורכפיר. דורך אונדזערע פאַרשרייַבונגען , אַרבעטן מיר, צווישן אַנדערע, מיט אָפּצאָלונגען, אַרלויבענישן און  אייגנטימערס בייַטונגען .

מיר האָבן 1750 אַרבעטערס אין 13- פלעצער אין לאַנד. די מערהייַט טעטיקייַטן ווערן דורכגעפירט אין - Borlänge, Norrköping און- Örebro. דער הויפּט ביוראָ געפינט זיך אין -Norrköping.

## די אידיי אונטער אונדזער טעטיקייַט

מיר אַנטוויקלען אַ טראַנספּאָרט סיסטעם מיט אַ גוטן צוגאַנג, רעכנענדיק זיך מיט דער זיכערהייַט, מיט דער סביבֶה און מיטן געזונט. דאָס אַלעס אָפּגעבנדיק כָּבֶוד די ווירקונגען אויף בירגער און פינאנציעלע צושטאַנדן. מיר שאַפן רעגלאַמענטן און קאָנטראָלירן זייער דורכפיר. מיר שטעלן צו דאַטן וועגן טראַנספּאָרט מיטלען פאַר די פירמעס און  די שאָפערן. מיר אַרבעטן דורך אַן אַלגעמיינער בליק און עפעקטיווקייַט און פאַרמאָגן אַ הויכן באַדינונגס ניוואָ אין אונדזערע פאַרבינדונגען מיט אונדזער אַרומיקער וועלט.

## טראַנספּאָרט אין די שאָסייען

אַלע באַניצערס פון שאָסייען, רעכנענדיק אויך די ביציקלעטן רייַטערס אָדער די פוסגייערס, ווערן אריינגערעכנט אין אונדזערע באַוועגונגס רעגלאַמענטן. דאָס דאָזיקע נעמט אַרום אַלץ, אויך אין די שאָסייען ווי אויך אין שֶטַח. אויסער די באַוועגונגס רעגלאַמענטן, זענען מיר פאַראַנטפאָרטלעך אויף דעם דורכפיר פון די סיגנאַלן רעגלאַמענטן . מיר שטעלן צו און גיבן אַרויס אויך אַלע שוועדישע שאָפער-ליצענצן און שילדן מיט אַרלויבעניש נומערן. מיר היטן אָפּ די פּראָצעדור און זעען אויף די שאָפערן אין זייער לערע  און שאַפן קענטעניש פּראָבעס פאַר  אַלע סאָרטן שאָפער-ליצענצן. פאַר פּראָפעסיאָנעלער טראַנספּאָרט פירן מיר אויס רעגלאַמענטן, צווישן אַנדערע פאַר וואָס איז נויטיק צו באַקומען אַ פּראָפעסיאָנעלער שאָפער-ליצענץ. מיר גיבן אַרויס באַוועגונגס אַרלויבענישן פאַר טראַנזיט געזעלשאַפטן און אויטאָבוסן ווי אויך רעגלאַמענטן פאַר מאָס און וואָג פון שווערן טראַנספּאָרט. נאָך אַנדערע טעכנישע פאָדערונגען פאַר מאָביליזירונג מיטלען ווערן באַשטימט מערסטנס, דורך אינטערנאַציאָנאַלע באָשלוסן, אין וועלכע די טראַנספּאָרט אויטאָריטעט באַטייליקט זיך. די פאָדערונגען ווערן שפּעטער דערקלערט אין אונדזערע רעגלאַמענטן. מיר קאָנטראָלירן אויך דעם מאַרק  פון די ליצענצן אַנשטאַלטן .

## אייַזנבאַן

מיר גיבן אַרויס און הערשן איבער די אַרלויבענישן פאַר די וועלכע ווילן זיך פאַרנעמען מיט דעם אייַזנבאַן טראַנספּאָרט פון שוועדן. עס האַנדלט זיך וועגן אָנפירונגען פון גרויסע פונדאַמענטן ווי, צום בייַשפּיל, די באַוועגונג אויטאָריטעט ביז פּריוואַטע באַן געזעלשאַפטן.  מיר באַשטעטיקן אויך    פאָר מיטלען , פונדאַמענטן, אייַזנוועגנס סיסטעמען, און סיגנאַלן סיסטעמען פאַר זייער פונקציאָנירונג. מיר זענען אויך פאַראַנטפאָרטלעך אויפן קאָנטראָל פון דער זיכערהייַט פירונג, פון דער צוגאַנג צום אייַזנוועג אין גלייַכע באַדינגונגען, און אויך רעגלאַמענטן וועגן געזונט און מעדיצינישע אונטערזוכונגען פאַר די וועלכע אַרבעטן אין באַנען סיסטעם.